בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת דברים תשע"ז** שבת חזון פרק ג׳ גליון 419 [שנה ט׳]

**הדברים איז פינחס אליהו**

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל: (א א) שטייט אין הייליגן ספר אמרי יוסף פון ספר עיר דוד א מדרש "הרוצה לידע שפינחס הוא אליהו יראה מֵאֵלֶּה הַדְּבָרִים" דאס איז א פליאה וואו איז מרומז אין אֵלֶּה הַדְּבָרִים אז פינחס איז אליהו? נאר עס שטייט אין חז"ל אז משה האט געזאגט משנה תורה פאר די אידן פאר זיין שטארבן כדי די ווערטער זאלן זיין א היטונג און א ישועה פאר זיי ביז פינחס וואס איז אליהו וועט קומען מבשר זיין די בשורה פון גאולה. איז דאס איז אויך שווער וואו קומט אריין פינחס זה אליהו אין דעם פסוק? צו פארענטפערןביידע שוועריקייטן: ווייל די ווערטער הַדְּבָרִים =261 און די גימט׳ פון "פינחס אליהו" מיטן כולל =261, איז שוין גוט מרומז אין אֵלֶּה הַדְּבָרִים די בשורה פון אליהו, און איז אויך פארענטפערט די מדרש פליאה אז פון די צאל פוןאֵלֶּה הַדְּבָרִים זעט מען אז פינחס איז אליהו.
(יודעי בינה הרה"ק ר׳ אלעזר שפירא מלאהנצוט בן הבני יששכר)

**פארוואס שטייט פון די עגל נאך קרח?**

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל... וְלָבָן וַחֲצֵרֹת וְדִי זָהָב: (א א) זאגט רש"י וַחֲצֵרֹת: מיינט די מחלוקת פון קרח. וְדִי זָהָב: ער האט זיי מוכיח געווען אויף די פיל גאלד זייערע און געמטכט א עגל, פרעגן אלע אויב אזוי וואלט געדארפט שטיין פריערט וְדִי זָהָב די עגל און נאכדעם וַחֲצֵרֹת די מחלוקת פון קרח? נאר עס שטייט אין סִפְרִי: מעשה העגל קשה עלי מן הכל, די מעשה העגל איז זייער שווער געווען פארן רבש"ע, היה רבי אומר: זו קשה עלי יותר מן הכל! כך אמר הקב"ה לישראל זו יתירה לכל מה שעשיתם עכ"ל. דעריבער קומט אויס אז ווייל דער חטא העגל איז געווען די גרעסטע צרה, וועגן דעם שטייט פריערט די מחלוקת פון קרח און די חטא העגל צום סוף. (אבני מהורמ"מ הלוי הר׳ אברהם יצחק גוטקינד אב"ד ברעזין בעל שיח יצחק ועוד)

**וואס איז די ברכה פון יוסף עליכם?**

ה׳ אֱלֹהֵיכֶם הִרְבָּה אֶתְכֶם וְהִנְּכֶם הַיּוֹם כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב: ה׳ אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵכֶם יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם: (א י–י"א) היינט זענט איר ווי כוכבים און דער אויבערשטער וועט מוסיף זיין, לכאורה וואס איז דא מוסיף צו זיין? און אויך צו פארשטיין וואס איז די ברכה פון יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים? נאר דער הייליגער חיד"א אין ספר נחל קדומים ברענגט די גמ׳ (יומא דף כב:) וואס פרעגט א סתירה: שטייט אין (הושע ב א) וְהָיָה מִסְפַּר בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל כְּחוֹל הַיָּם, וואס דאס האט א צָאל און עס שטייט אין זעלבן פסוק אֲשֶׁר לֹא־יִמַּד וְלֹא יִסָּפֵר, מען וועט נישט קענען ציילן די אידן? זאגט די גמ׳ לא קשיא בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, איז נישטא קיין מספר, אבער בזמן שאין עושין רצונו של מקום, איז דא א צָאל ע"כ הגמ׳. פרעגט דער חיד"א וואס וועט זיין אויב כלל ישראל וועלן תשובה טאן און טאן דעם רצון ה׳ ווי אזוי וועלן זיי שוין גלייך ווערן אָן א צָאל? און ער ענטפערט: אז יעדער איד וועט ווערן ווי הונדערט און ווי טויזנט אזוי ווי חז"ל זאגן אז משה איז געווען ווי ששים רבוא ישראל, ממילא וועט ווערן אֲשֶׁר לֹא־יִמַּד וְלֹא יִסָּפֵר ע"כ. קען מען זאגן דאס מיינט וְהִנְּכֶם הַיּוֹם, דוקא היינט, ביי די תוכחה, זענט איר כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב דייקא, מיט א מספר, אבער ווען איר וועט טאן רצונו של מקום, וועט זיין ה׳ אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵכֶם יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים יעדער וועט ווערן ווי טויזנט און די אידן וועלן שוין זיין אן א צָאל, וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם, די ברכה וועט זייןוְהָיָה מִסְפַּר בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל כְּאֲשֶׁר לֹא־יִמַּד וְלֹא יִסָּפֵר אן א צָאל. (יוסף חן הר׳ יוסף קורקס מחכמי איטלי׳ ליוורנו תקס"ט)

**שיינע דרוש פון כלב און יהושע ביי חלוקת הארץ מתלמיד הבעש"ט**

אִם־יִרְאֶה אִישׁ בָּאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה.. אֵת הָאָרֶץ הַטּוֹבָה זוּלָתִי כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה הוּא יִרְאֶנָּה וְלוֹ אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר דָּרַךְ בָּהּ וּלְבָנָיו..... יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן הָעֹמֵד לְפָנֶיךָ הוּא יָבֹא שָׁמָּה אֹתוֹ חַזֵּק כִּי־הוּא יַנְחִלֶנָּה אֶת־יִשְׂרָאֵל: (א ל"ה–ל"ח) דארף מען פארשטיין פארוואס ביי כָּלֵב שטייט וְלוֹ אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ און ביי יְהוֹשֻׁעַ שטייט דאס נישט, און עס קען נישט זיין אז יְהוֹשֻׁעַ האט נישט באקומען א חלק, ווייל עס שטייט וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן וְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה חָיוּ מִן־הָאֲנָשִׁים הָהֵם הַהֹלְכִים לָתוּר אֶת־הָאָרֶץ (שלח יד לח), און רש"י זאגט און דער מקור איז די גמ׳ (בבא בתרא דף קיח ע"ב) וז"ל: יְהוֹשֻׁעַ וְכָלֵב נָטְלוּ חֶלְקָם. מנהני מילי? אמר עולא, דאמר קרא: וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן וְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה חָיוּ מִן־הָאֲנָשִׁים הָהֵם מאי חָיוּ? אילימא חָיוּ ממש, והא כתיב קרא אחרינא: וְלֹא־נוֹתַר מֵהֶם אִישׁ כִּי אִם־כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן: (במדבר כ"ו ס"ה) זעהט מען אז זיי האבן ביידע באקומען א חלק? נאך א דיוק: פארוואס שטייט ביי כָּלֵב וְלוֹ־אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר דָּרַךְ בָּהּ "וּלְבָנָיו"? נאר מען קען ענטפערן אז באמת האט יְהוֹשֻׁעַ באקומען א חלק אין א"י אבער ווייל יְהוֹשֻׁעַ האט נישט געהאט זין אזוי ווי עס שטייט נוֹן בְּנוֹ יְהוֹשֻׁעַ בְּנוֹ: (דברי הימים א ז כז) און רש"י (מלכים א יא כא) זאגט כל המעמיד בן ממלא מקומו כאלו הוא חי (בבא בתרא קטז א), און עס שטייט (וירא יח יט) לְמַעַן הָבִיא ה׳ עַל־אַבְרָהָם אֵת אֲשֶׁר־דִּבֶּר עָלָיו: זאגט רש"י עַל בֵּית אַבְרָהָם לא נאמר, למדנו כל המעמיד בן צדיק כאלו אינו מת, דעריבער ביי יְהוֹשֻׁעַ שטייט נישט וְלוֹ אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ, ווייל דאס וואלט געמיינט א מתנה אויף ווייטער און ער האט נישט געהאט זין דאס צו האבן אויף אייביג, אבער כָּלֵב האט געהאט זין, דעריבער שטייט טאקע נאכדעם "וּלְבָנָיו" דאס צו מסביר זיין פארוואס שטייט וְלוֹ־אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ, ווייל פאר אים איז געווען א מתנה אויף ווייטער אויך. און אין זכות פון זיינע קינדער וואס זענען געווען אזוי ווי אים איז אזוי ווי ער לעבט נאך, איז פאסיג וְלוֹ, צו אים כָּלֵב, אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ.
(תורי זהב להרה"ק ר׳ בנימין המגיד מזאלוזיץ מחברייא דתלמיד הבעש"ט)

**א לימוד זכות פאר אונזער דור**

אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי טָרְחֲכֶם וּמַשַּׂאֲכֶם וְרִיבְכֶם: הָבוּ לָכֶם אֲנָשִׁים חֲכָמִים וּנְבֹנִים וִידֻעִים לְשִׁבְטֵיכֶם וַאֲשִׂימֵם בְּרָאשֵׁיכֶם: (א י"ב– י"ג) מען קען דאס מסביר זיין לויט א פשט פון (צמח דוד ר׳ דוד מדינוב זצוק"ל) אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנֹת רִאשֹׁנִים מַהֵר יְקַדְּמוּנוּ רַחֲמֶיךָ כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד. (תהלים עט ח) וואס מיינט ווייל דַלּוֹנוּ מְאֹד דעריבער אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנֹת רִאשֹׁנִים? נאר עס איז ידוע די מעשה וואס די נשמות פון עולם העליון זענען געקומען צום הייליגן ר׳ מענדל מרימינוב זצוק"ל מיט א טענה אז היות דער הייליגן צדיק ר׳ מיכל מזלאטשוב זיצט אין בי"ד של מעלה און ער האט נישט פארזוכט קיין חטא ממילא פארשטייט ער נישט די זינדיגע נשמות, און ר׳ מענדע׳לע האט געפויעלט און געברענגט א דיין וואס פארשטייט דעם דור, דאס מיינט אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנֹת רִאשֹׁנִים, דאס וואס איז געווען א עָוֹן פארן פריערדיגן דור, ווייל כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד, אונזער דור איז שוואכער עכ"ד. דאס האט משה רבינו געזאגט אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי

טָרְחֲכֶם וּמַשַּׂאֲכֶם וְרִיבְכֶם? א דיין ביי בי"ד של מעלה ווי איך, וועט נישט פארשטיין די אידן ווייל איך בין זייער הויך פאר זיי, דעריבער הָבוּ לָכֶם אֲנָשִׁים חֲכָמִים וּנְבֹנִים וִידֻעִים לְשִׁבְטֵיכֶם וַאֲשִׂימֵם בְּרָאשֵׁיכֶם, מען דארף שטעלן דיינים חֲכָמִים וּנְבֹנִים וִידֻעִים, וואס זיי פארשטייען דעם דור, לְשִׁבְטֵיכֶם, צו געוועלטיגן אויף זיי ביי בי"ד של מעלה, אז א איד קען אמאל זינדיגן וַאֲשִׂימֵם בְּרָאשֵׁיכֶם, און זיי וועלן דַן זיין לטובה.

(שמח זבולון תשע"ז) שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן

## מדור העובדות

## אין זכות פון הכנסת כלה און געהאלפן חתונה מאכן האט דאס געראטעוועט זיין פארמעגן

מיר שטיין יעצט געציילטע טעג צו תשעה באב און עס קומט אריין אין זכרון די נעכט פון תשעה באב וואו טויזנטער אידן פלעגן זיך צוזאמען קומען אין די הויף פון בתי הורנשטיין א ריזיגן ליידיגע שטח און מען האט געקענט הערן די דרשות גאר ווייט אין די שטילע נאכט פון תשעה באב, ריידנער'ס פלעגן מעורר זיין די יקירי ירושלים וועגן חורבן און געבן צו פארשטיין וואס מיר האבן פארלוירן, מען האט טאקע געוויינט און מיט געהאלטן די דרשות, און מען האט געשטרעבט צו די גאולה שלימה בבנין בית המקדש אמן. דער היסטארישע הויף איז לעצטנ'ס פארבויט געווארן מיט הייזער און עס איז נישטא קיין זכר פון דעם ליידיגן שטח.

אז מען רעדט וועגן בתי הורנשטיין דארף מען דערציילן דעם נייעם דור ווי אזוי איז געקומען דעם היסטארי' און אויפבוי פון די הייזער. בתי אורנשטיין געפינט זיך אין ירושלים ארום גענומען מיט די גאסן רח' ישעיהו און רח' פרי חדש לעבן די זכרון משה שטיבלאך, דארטן איז געגרינדעט געווארן די באיאנער שול מיט יארן צוריק און אין שנת תשי"ג איז דאס געווארן די ישיבת תפארת ישראל באיאן, בהשתתפות דער באיאנער רבי הרה"ק ר' מרדכי שלמה זצוק"ל און נאך אדמור"י רוזין. חסידים ואנשי מעשה האבן דארטן געוואוינט במשך די אלע יארן: דער ל"ו צדיק ר' אברהם אראנאביץ א באיאנער חסיד און מפורסם אלץ פועל ישועות, הרה"צ ר' ישראל מרדכי ראחמיסטריווקא רבי זצוק"ל און נאך האבן דארטן געלעבט א רוהיגן לעבן.

ר' דוב בער הכהן הורנשטיין איז געווען א באיאנער חסיד און א גרויסער עושר, זיין טיר איז שטענדיג געווען אפן און האט געטיילט צדקה פאר יעדן, איין טאג -אין יאר תרס"ז בערך- איז א ירושלימער איד, ר' זרח, וואס האט געדארפט חתונה מאכן א קינד, איז געקומען צו ר' דוב בער ער זאל אים העלפן חתונה מאכן, פרעגט אים ר' דוב בער וויפיל דארף ער אויף די חתונה? און ווען ר' זרח זאגט אים דעם סכום, גייט ר' דוב בער ביי אים אין צימער און ברענגט ארויס די גאנצע סכום און זאגט איך גיב דיר די גאנצע הוצאות החתונה און איך וויל זאלסט מיר צוזאגן און איינלאדנען צו די חתונה! ר' זרח האט געמיינט אז ער איז אראפגעפאלן פון די לבנה, אזא שמחה ביי אים! אויף אזא נתינה נישט געחלומ'ט און זאגט צו.

די טאג פון די חתונה קומט אן און ר' זרח האט פארגעסן צו שיקן א איינלאדונג צו ר' דוב בער. און ער זאגט פאר זיין חתן אז עס פאסט נישט צו שיקן א שליח נאר מען דארף פערזענטלאך גיין און ער נעמט דער חתן און נאך עטליכע געסט און זיי גייען שנעל אריבער צום הויז פון ר' דוב בער אים איינצולאדנען, אבער צו די וואונדער פון ר' זרח איז געווען אז די טיר פון חומה ארום די שטוב איז געווען פארמאכט וואס געוויינטלאך איז די טיר אלעמאל געווען אפן פאר אידן! זענען זיי אריבערגעקראכן די חומה און געקומען צום טויער פון הויז און עס איז אויך געווען פארמאכט, זיי קלאפן און קיינער ענטפערט נישט, זענען זיי אריין פון א אונטערשטער טיר וואס איז געווען אפן און זיי גייען אריין און זען ווי ר' דוב בער און זיין ווייב זענען געווען צוגעבונדן און זייער מויל אין געווען פארשטאפט מיט א סחורה און ר' זרח און די געסט שרייען וואס איז דא געשען ווען דריי רויבער לויפן ארויס פון די הויז!

זיי בינדן אויף די פאר פאלק און ר' דוב בער גייט אריין אין זיין צימער און ער זעט ווי געלט און זיינע זילבערוואורג און זיין ווייב'ס צירונג זענען געווען צוזאמען גענומען אויפן טיש גרייט צו גענומען ווערן ווען נישט וואס ר' זרח קומט פלוצלינג. פרעגט אים ר' דוב בער וואס האט זיי געברענגט צו קומען פונקט יעצט? רופט זיך אן ר' זרח אז היינט נאכט מאכט ער חתונה און ער האט פארגעסן אים איינצולאדנען צו די חתונה איז ער יעצט געקומען! רופט זיך אן ר' דוב בער אין אייער זכות זענען מיר געראטעוועט געווארן און נישט פארלוירן אונזער פארמעגן.

ר' דוב בער און זיין ווייב זענען געווען אין א שאק אבער זיי האבן געזען די השגחה פרטית און די זכות וואס זיי האבן געהאלפן ר' זרח חתונה מאכן א קינד האט דער אויבערשטער זיי טאקע באצאלט פונקט אין די טאג פון די חתונה, און אזוי רעדנדיג און געטרונקען לחיים האבן זיי זיך בארוהיגט און האבן מסכים געווען צו זיין ביי די חתונה. דארטן האבן זיי באקומען כבוד מלכים און ר' דוב בער האט געטיילט אסאך צדקה יענע נאכט.

אזוי ווי ער האט געהאט דעם גרויסן נס האט ער מחליט געווען אז ער גייט בויען הייזער פאר כולל יונגעלייט און היות דער וואהלינער כולל האט געהאט א ליידיגן שטח אינדרויסן פון די אלט שטאט האט ער פאר זיי געבויט דרייסיג הייזער פאר יונגע פאר פעלקער זיי זאלן וואוינן דארטן די ערשטער פאר יאר אן געלט. די חנוכת הבית איז געווען אין שנת תרס"ח.

יענער יאר איז ר' דוב בער געווארן נישט געזונט האט ער צוגעזאגט נאך 25 דירות און איז געווארן געזונט און געלעבט נאך צען יאר און איז נפטר געווארן י"ח ניסן תרע"ח יהא זכרון ברוך. ער האט זוכה געווען דאס וואס שלמה המלך זאגט טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב' (קהלת ז א) און אין פרק (אבות פ"ד מי"ג) שטייט רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, שְׁלֹשָׁה כְתָרִים הֵם, כֶּתֶר תּוֹרָה וְכֶתֶר כְּהֻנָּה וְכֶתֶר מַלְכוּת, וְכֶתֶר שֵׁם טוֹב עוֹלֶה עַל גַּבֵּיהֶן: בתי הורנשטיין איז א שם דבר אין ירושלים נאך 110 יאר.

> **ברוך מציב גבול אלמנה.**
>
> עיר קטנה נתוספה על עיירות אחב"י שמחוץ לחומת עיר קדשינו.
>
> הגביר המפורסם חסיד שבכהונה הנדיב כמוהר"ר דוב ער הארינשטיין נ"י מעיר ראדימישול אשר ברוסיא הואיל להרים מכספו תרומה הגונה לתכלית בנין בהי מען לעניים משלומ' אמוני ישרא' שבכולל וואהלין הי"ו בעיה"ק ירושלם ת"ו, ולע"ע נגמרו ארבעה עשר מבתי מעון הלזה ויתחנכו בדיורים איה"ש ביום ג' כ"נ טבת דנא. הבתים האלה כשם שהנדיב הרים את תרומתו בעין יפה כך נבנו בעין יפה ומצוינים הם בטיבם וכל הרואה אומר ברקאי כן מפאת מקומן וכן במדת בנינם ויפים ושכלולם פנימה וחוצה. ובכן יקירי ירושה"ו ותושבי' מאחב"י היודעים להוקיר את טובי עמנו ונדיבי' מתבקשים לבוא לחנוכה ז' ביום המיועד בשעה ד' טורקית לתת כבוד ויקר להנדיב שוחי' על עצם תרומתו ועל עינו היפה, ולברכו כי הבונה ירושלם יפקדהו בדבר ישועה ורחמים, ולהת לו יד ושם טוב מבנים ומבנות להפקד בזרעא חייא וקיימא במהרה דידן, באריכות ימים ושנים טובים בעושר וכבוד וגדולה עד כי יבוא שילה בב"א.


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן**

*ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000 ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא $5500 שערי ציון דפוס זיטאמיר $1600 מדרש רבה דפוס זיטאמיר, ספר זרע בירך דפוס ראשון מסוגל לשמירה, סעט זוהר הק' דפוס זיטאמיר מצב יפה מכורך $3000, שו"ע או"ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג' חלקים. תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $7500 א לאנגע גאנצע בריוו פון היילגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן וואר עם וועט העלפן $22000, ספר זוהר הרקיע להאריז"ל דפוס קארעץ, ספר מבוא שערים לר' חיים וויטאל דפוס קארעץ, ספר מדרש חכמים שייך להגה"ק ר' יחזקאל מערץ, ספר שייך להגה"ק ר' משה הגר מראדאוויץ ועוד הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, We can also pick up for free on large quantities.**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵׁמוֹת? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען צו אונז בחינם. ברענגט דעם גליון צו אייך אין די קאנטרי און זייט מהנה די רבים עס איז שוין פארטיג מיטוואך, א געזונטע זוממער



דער גליון איז מוקדש לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י היה בן י"ד במותו עזר הרבה בהפצת הגליון, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז